# ... גאון פון הלכה

נע בוחות, זיי
און פארענדי־
זאגטע סברה.
אכט שוין ניט
נאר זיי קומען
י בוימעל אויף

עלען מיך גע־
בטיגע אייגענ־
ם. איך האב
ס'איז נישט
צושעפּן אין

...לערן־יארען

...ק'ס לעבענס־
...ענט פאר אים
...יבה, ווי אויך
...אייגענשאפטען
...פחה: דער בא־
...' פון וואלא־
...נען ארויסגע־
...וועלכע האבען
...ישפּרייט דעם
...מוד אין דער
(רבי נפתלי
...רבי יאשע בער
...זון רבי חיים,
...רבי משה סא־
...מוטער'ס צד
...י' פרושאנער
...תורה וגדולה,
...״ און באהא־
...ט־זאכען.
...אוויטשיק איז
...ארה, תרס"ד,
...וואו זיין פא־
...געסן „קעסט"
...אלי'ן, דעם
...יוסף דוב איז
...יז זיין פאטער
...ען פאר רב
...נע, אין 1912.
..., איז ר' משה
...לאוויטש, מא־
...א שטאט מיט
...חסידים. דארט
...שע בער, ווי
...ען, געלערענט
...חסיד ר' ברוך

...בי חיים האט
...ער געהייסען
...נגעל פון ברוך
...חרר. ער האט
...ביי א ישיבה־

בחור אין כאסלאוויטש מיט גרויס התמדה, און אין משך פון א קורצער צייט האט ער געגעבען א שפּראָץ אויף אין לערנען, אז אלע האבען זיך געוואונדערט אויף זיין בקיאות און חריפות.

## דעם זיידען רבי חיים'ס נחת און שטאָלץ

צו בר־מצוה איז ער שוין פול מיט תורה־ווייסען. דער זיידע ר' חיים האט אים דעמאלט געגעבען א מתנה א „סעט" רמב"ם, וועלכען דער בר־מצוה־בחור האט שוין געהאט אין — קאפּ...

ר' חיים האט געשמועסט מיט אים אין לערנען ווי מיט א דערוואקסענעם גדול, און האט געזאגט, אז זיינע, יוסף בער'ס, חידושים, זענען תורת אמת.

אין די שווערע יארען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האט די משפּחה אין כאסלאוויטש דורכגעמאכט שווערע צייטען, די קאמוניסטישע רעוואלוציע, די איבערקערענישען. ס'האט געהערשט ביי זיי נויט. איז געזעסען דער פאטער ר' משה מיט'ן זון יאשע בער ביי א צאנקענדיג אויל־קאניצעל, אין קעלט און הונגער, און געלערענט טעג און נעכט.

## וואַרשע, בערלין, באָסטאָן, ניו יאָרק

ער האט אויך געלערענט וועלטליכע לימודים. אין 1926 פארט ער שטודירען פילאזאפיע אין בערלינער אוניווערסיטעט. אויך אויך דעם געביט אנטפּלעקען זיך זיינע גרויסע כשרונות. ער צייכענט זיך אויך אויס אלס זעלבסטשטענדיגער דענקער. די ידיעות, און נאך מער די ווייסענשאפטליכע מעטאדיק, וועגדעט ער אן אין הלכה־פארשען, ווי מ'זעט עס אין זיין ווערק „איש ההלכה" (תלפיות, א', ג־ד, תש"ד), וואס איז א גרונט־ווערק אויף דעם דאזיגען געביט. 1931 ענדיגט ער זיין אוניווערסיטעט־שטודיום מיט'ן טיטעל דאקטאר פון פילאזאפיע, מיט א יאר שפּעטער האט ער חתונה, און אין 1932 קומט ער קיין אמעריקע. ער הויבט אן צו זאגען א שיעור אין ישיבת רבנו יצחק אלחנן אין ניו יארק, און דאן, אין 1941, נאך ר' משה'ס פטירה, נעמט ער איבער זיין פאטערס פאסטען אין דער ישיבה.

גלייכצייטיג ווערט הרב סאלאוויטשיק באלד נאך זיין אנקומען קיין אמעריקע רב אין באסטאן, מאס. אין זיין קהלה, צי קהלות — ווייל זייט 1950 איז ער אויך רב אין דער גרויסער „מוריה"־שוהל אויף בראדוועי אין ניו יארק. ער האט נישט קיין „מעמבערס", נאך — חסידים, וועלכע זענען, אגב, נישט באגרעניצט בלויז צו זיינע שוהלען. ער איז אויך, אין דער אלטער טראדיציע (פון „ועד ארבע ארצות") א מין רב המדינה, „לאנדס־רב", נאר אונטער א נייעם נאמען: „טשערמאן פון הלכה־קאמיטעט פון הסתדרות הרבנים", אן אויטאריטעט פאר הונדערטער יונגע רבנים מיט זייערע קהלות.

ער איז א רעדנער וואס שטורעמט אויף זיינע צוהערער. ער באצויבערט סיי מיט'ן תוכן — און זיין רעדען איז בלויז תוכן — סיי מיט דער פארם, וועלכע איז שטענדיג נאבעל, שוואונגפול און עלעגאנט. אפילו ווען ער איז סארקאסטיש.

הרב סאלאוויטשיק איז אויך א פירער אין מזרחי, הגם ער קאן זיך בשום אופן נישט ארייפאסען אין פארטיי־ראמען. ער זעט אמאל גוטס אויך אין אנדערע פארטייען און פארזעט נישט קיין עוולה אין דער אייגענער פארטיי. דערפון טיילמאל די קריטיק אויף אים, אז ער איז „ניט־קאנסעקווענט". אבער דאס איז ביי אים נישט קיין צופאל. ער וויל עס אזוי... דווקא ווייל ער איז א מענש פון פרינציפּען, פון טיפער ערליכקייט און יראת שמים, קאן ער נישט אננעמען קיין צוגעטראכטע באשלוסען פון פארטיי־פלאטפארמעס. איר קאנט קיינמאל נישט זיין מיט אים זיכער, אז ער וועט גיין אין שפאן, אויסער ווען עס האנדעלט זיך וועגען תורה און יהדות.

ער איז דער גאט־געבענשטער לערער און מנהיג.

---

## קויפט ישראל באנדס